ו. מצד קוצר הזמן, האט מען ניט מסיים געווען (אין דער התוועדות פון ש"פ נצבים) דעם ביאור אין פירוש רש"י אויף "ובחרת בחיים".

ווי מען האט גערעדט (אין דער שיחה פון ש"פ נצבים) אז רש"י'ן ארט דא וואס ער זאגט "ובחרת בחיים", וואס טוט ער דערמיט אויף אויף דעם וואס ער האט שוין געזאגט פריער "אשר אנכי מצוך היום לאהבה את הוי' אלקיך", און אויב ס'איז אזא וואס דער ציווי פון "אנכי מצוך גו'" איז אים וויכטיק, איז וואס וועט דא העלפן אז מען זאגט אים "ובחרת בחיים"? און אויף דעם איז רש"י מבאר, אז "ובחרת בחיים" איז ניט קיין ציווי נאר "אני מורה לכם", דער אויבערשטער ווייזט אן "שתבחרו בחלק החיים", ער ווייזט אן וואס איז דער אמת'ער חיים, אז אין דעם זאל מען בוחר זיין.

שטעלט זיך דאך די שאלה: אויב ס'איז אזא וואס מצד עצמו, אן די הוראה שמלמעלה, ווייסט ער ניט וואס "חיים" איז, ביז אז מצד דעם וואס נופת תטופינה שפתי זרה איז ביי אים רעכט בוחר זיין בההיפך ח"ו מיינענדיק אז דאס איז חיים, איז וואס העלפט וואס מען ווייזט אים אן און מען זאגט אים אז דאס איז חיים?

אויף דעם גיט רש"י א משל "כאדם האומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי ומעמידו על חלק היפה ואומר לו את זה ברור לך", וואס דער דיוק הלשון פון רש"י איז "כאדם האומר לבנו", און "בנחלתי", ווייל אין דעם באשטייט דער גאנצער ביאור וואס עס טוט אויף די הוראה "ובחרת בחיים":

בשעת איינער וועט זאגן דעם צווייטן א הוראה סתם אזוי, זאלסט וויסן זיין אז דאס איז דער חלק היפה ובמילא זאלסטו אין דעם בורר זיין, וועט די הוראה גארניט אויפטאן, וואָרום ממה נפשך, ווייס ער אליין אז דאס איז דער חלק היפה, דארף ער ניט אנקומען צו יענעמ'ס הוראה, ווייס ער ניט, איז וואס וועט אויפטאן די הוראה. בשעת אבער אז דער וואס זאגט די הוראה איז עלטער פון אים, וואס במילא פארשטייט ער

דאך אז וויבאלד יענער איז עלטער פון אים ווייס ער דאך בעסער פון אים. בפרט נאך, אז ער זאגט אים אז דער חלק איז "בנחלתו", ס'איז זיינע א זאך וואס ער האט געהאט דערמיט צוטאן, - דאס וואס דער וואס דארף איצט בוחר זיין זעהט, זעט ער דאך ביידע חלקים בלויז ווי זיי זיינען בחיצוניות ולפי שעה, משא"כ דער וועמענ'ס חלקים זיינען בנחלתו, ווייס ער דאך זיי ווי זיי זיינען בפנימיותם, און ניט בלויז פון היינט, נאר ווי זיי זיינען פון יארן לאנג -

דאן וועט ער זיך צוהערן צו יענעמ'ס הוראה. און דאס איז דיוק לשון רש"י "כאדם האומר לבנו", און "בנחלתי", וואס מיטן "לבנו" מיינט ער צו זאגן אז דער וואס גיט די הוראה איז עלטער פון דעם צו וועמען ער גיט די הוראה, ווארום ער איז דאך אביו, און מיטן "בנחלתו" מיינט רש"י צו זאגן, אז דער וואס גיט די הוראה ווייס די ענינים על בוריים, ווײלע ס'איז זיינע זאכן.

וואס דאס גיט א הסברה אויך אין נמשל, בנוגע דעם סיוע וואס א איד האט פון די הוראה "ובחרת בחיים", ווארום וויבאלד אז די הוראה איז דאך הוראת הקב"ה, איז דאך אין דעם דא ביידע מעלות הנ"ל - כאדם האומר לבנו און בנחלתו (ווארום אלץ קומט דאך פון אויבערשטען) - איז במילא, אפילו אויב מצד עצמו ווייס ער ניט וואס איז חיים און ער הערט זיך צו די שפתי זרה וואס נופת תטופינה, איז בשעת ער האט אבער די הוראה מלמעלה, וועט ער זיך צוהערן צו דער הוראה, און ער וועט בוחר זיין אין דעם אמת'ן חיים.

דאס איז דאך אבער בלויז א ענין שעפ"י שכל. אין הרגש איז ער ניט מרגיש אז דאס איז דער אמת'ער טוב (ואדרבה, מרגיש איז ער דעם "נופת" וואס שפתי זרה ריידן אים איין), עס איז מער ניט וואס בשכלו פארשטייט ער אז וויבאלד דער אויבערשטער זאגט ובחרת בחיים, דארף מען אין דעם בוחר זיין. דערנאך איז רש"י מוסיף נאך א ענין: "ועל זה נאמר גו' הנחת ידי על גורל הטוב כו'", אז ניט נאר וואס ער פארשטייט בשכלו אז דאס איז דער אמת'ער חיים, נאר "הנחת ידי על גורל הטוב", מלמעלה גיט מען אים צו פארזוכן פון דעם אמת'ן טוב, ער זאל דאס פילן בהרגש שלו. ובדוגמא, ווי נאך קודם הכניסה לארץ ומלחמת ל"א מלכים (וואס דאס וואס משה האט זיי געזאגט ובחרת בחיים איז דאך געווען קודם הכניסה לארץ) האט מען זיי שוין געגעבן צו פארזוכן ארץ סיחון ועוג.

ז. ווי גערעדט כמה פעמים, אז אין פירוש רש"י זיינען דא ענינים מופלאים אויך אין חלק ההלכה שבתורה:

אין דעם ענין הגורל, ווען מען מאכט א חלוקה עפ"י הגורל, איז פאראן אין דעם דריי דיעות: איין דיעה איז, אז דער גורל אליין מאכט דעם קנין, און מען דארף מער ניט האבן קיין אנדערע קנינים. א צווייטע דיעה איז, אז דער גורל אליין מאכט ניט דעם קנין, און מען דארף האבן חזקה. נאר אזוי ווי עס העלפט דאך ניט קיין חזקה אין א דבר של שותפים, סיידן מען רעדט אפ פריער צווישן זיך אז דער חלק זאל געהערן צו דעם און דער חלק צו דעם, איז אויף דעם העלפט דער גורל, אז דאס איז כאילו ווי מען האט מתנה געווען, און בשעת אז עלה הגורל לאחד מהם און ער האט געמאכט א חזקה אין זיין חלק, מוזן אויך די אנדערע שותפים לחלוק עפ"י הגורל, און זיי קענען ניט האבן קיין חרטה אויף פאנאנדערטיילן שלא עפ"י הגורל. א דריטע דיעה איז, אז אפילו לאחרי שעלה הגורל לאחד מהם והחזיק בחלקו העלפט עס ניט לגבי די אנדערע שותפים.

די אלע דיעות אבער זיינען בנוגע א גורל סתם. בנוגע דעם גורל וואס עס איז געווען בחלוקת ארץ ישראל, וכמ"ש אך בגורל יחלק את הארץ, זיינען אלע מודה אז דער גורל אליין האט געפועלט דעם קנין. דער טעם פון דעם איז, ווײלע דער גורל שבחלוקת הארץ איז געווען עפ"י האורים ותומים, און דעריבער זיינען אין דעם אלע מודה, אז ער האט מקנה געווען.

פון דעם איז מובן בנוגע דעם ענין פון "אתה תומיך גורלי", אז וויבאלד דער גורל איז פון אויבערשטן, "אתה תומיך גורלי", איז דער גורל אליין מקנה.

ועפי"ז וועט מען פארשטיין דעם דיוק פון לשון רש"י, אז ביי דעם ענין פון גורל זאגט ער דעם לשון "קח לך", ניט ווי ביי דעם משל פון "כאדם האומר לבנו כו'" וואס ער זאגט "ברור לך" - ווילע וויבאלד אז דא איז א ענין פון גורל, דארף ער שוין אין דעם מערער גארניט טאן, עס קען זיין גלייך דער "קח לך", ער קען עס גלייך נעמען.

דער ענין פון דעם בעבודת האדם איז:

דער משל פון "כאדם האומר לבנו" איז בנוגע עבודה שעפ"י טעם ודעת. בחירה שעפ"י שכל. וואס דורך דעם וואס ער פארשטייט אז דאס איז דער חלק היפה, במילא איז ער בוחר אין דעם חלק. און דער ענין פון "הנחת ידי על גורל הטוב" איז עבודה שלמעלה מטעם ודעת, עבודה שמצד עצם הנשמה, כידוע אז גורל איז למעלה מטעם ודעת.

און דעריבער איז פריער זאגט רש"י דעם לשון "ברור לך" און ביי גורל "קח לך", ווייל שכל מאכט ניט איבער דעם מענטשן. מדות זיינען ניט בטל אל השכל בדרך ממילא, לאחרי וואס ער פארשטייט, דארף ער ערשט הארעווען עס זאל אראפקומען אין לב. עס איז מערניט וואס אזוי ווי מוח שליט על הלב (וואס מצד דעם וואס מהות האדם איז וואס ער איז א שכלי, איז אויך די מדות זיינען נשמעות להשכל), האט דער שכל א ווירקונג אויף די מדות. ובמילא, איז לאחרי ההבנה בשכלו, דארף ערשט זיין דער ברור לך, די עבודה אין מדות, וואס עבודת הבירורים איז במדות, משא"כ אין גורל, וואס דאס איז דאך די עבודה שמצד העצם. איז בשעת מען דערנעמט דעם עצם, דורך תשובה אדער דורך מס"נ, פועל'ט עס אויף אלע כחות בדרך ממילא - קח לך.

* * *

ח. כאמור לעיל, אז דער "ובחרת בחיים" וואס מען לייענט בפרשת נצבים - דעם שבת שלפני ר"ה - האט א שייכות צו ר"ה, ווייל דורך דעם ובחרת בחיים נעמט מען דעם "יבחר לנו את נחלתינו".

אין דעם ענין פון יבחר לנו את נחלתינו, האט מען דאך גערעדט פריער, אז דאס קומט פון עצמות, און דאס טוט מען אויף דורך דעם מן המיצר קראתי, וואס דוקא בשעת אז "מן המיצר (און) קראתי" איז "ענני במרחב", אז עס ווערט נמשך פון מרחב העצמות.

וואס דאס איז דאך פארבונדן אויך מיטן ענין פון שופר, שצדו אחד קצר וצדו השני רחב, אז דוקא דורך דעם וואס צדו א' קצר - דער מן המיצר, אן קיין ציור ניט, וואס דערפאר איז כל הקולות כשרים לשופר - איז צדו השני רחב, אז גלייך נאך דעם שנה שהיא רשה בתחלתה גלייך נאך תקיעות, איז מתעשרת.

וואס דאס האט זיך דאך זיכער אויפגעטאן, אן קיין ספק כלל, ווארום וויבאלד אז מען מאכט א ברכה אויף תקיעות - וואס די ברכה איז דאך ניט נאר אויף די מעשה המצוה נאר אויך אויפ'ן רמז שבה, סיי דער "עורו ישנים משנתכם", די התעוררות וואס טוט זיך אויף למטה ע"י השופר, סיי דער "עורה למה תישן הוי'" וואס טוט זיך אויף למעלה ע"י השופר - איז דאך ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא, אז ס'איז קיין ספק ניט און קיין ספק ספיקא ניט, אז דער ענין האט זיך זיכער אויפגעטאן.

ווי גערעדט פריער (אין מאמר) אז דער ענין פון מיצר ומרחב איז דא אויך אין שופר גדול, נאר דארטן איז עס אין א העכערן אופן. וואס דער ענין פון שופר גדול, איז אעפ"י אז בעיקר וועט עס מאיר זיין לעתיד, איז אבער אויך ביו"כ דער ענין פון שופר גדול.

שטעלט זיך א שאלה: בר"ה בלאזט מען מאה קולות און ביו"כ בלאזט מען בלויז איין תקיעה, היינט ווי זאגט מען אז דוקא ביו"כ איז שופר גדול? מען געפינט אבער א מעלה אויך אין שופר דיו"כ, וואס דוקא אין אים איז ניטא די הגבלות פון שבת וחול: בר"ה כשחל בשבת בלאזט מען ניט, און ביו"כ, אפילו כשחל בשבת, בלאזט מען די תקיעה, ואפילו בזמן הזה.

ומצד דעם וואס יו"כ איז בחי' שופר גדול, דערפאר איז דעמולט יציאת העבדים לחירות. אבער אעפ"כ איז ווי געזאגט פריער אז דער "מתעשרת" הייבט זיך אן גלייך נאך די תקיעות דר"ה, דערפאר איז שוין פון ר"ה אן הייבט זיך אן די יציאה לחירות.



הנחה פרטית בלתי מוגה